# די אָפּטיילונג פֿון דער ייִדישער קולטור

# אין סאַנקט-פּעטערבורגער מלוכישן אוניווערסיטעט

בליצפּאָסט: jc.conference@philosophy.spbu.ru

טעלעפֿאָן\פֿאַקס: 3289552 (812) 7 +

טײַערע פֿרײַנט!

די אָפּטיילונג פֿון דער ייִדישער קולטור אין סאַנקט-פּעטערבורגער מלוכישן אוניווערסיטעט האָט אַ גרויסן פֿאַרגעניגן אײַך מיטצוטיילן, אַז די ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפֿערענץ "העברעיִש און ייִדיש אין די ראַמען פֿון הײַנטצוטאָגיקער אויסבילדונג און קולטור" וועט פֿאָרקומען דעם 20-21 אָקטאָבער 2014 אין סאַנקט-פּעטערבורגער מלוכישן אוניווערסיטעט (וואַסיליעווסקי אינדזל, מענדעלייעווסקײַאַ ליניע 5).

אויף דער קאָנפֿערענץ וועלן אַרומגערעדט ווערן די ווײַטערדיקע אַספּעקטן:

- לינגוויסטישע פֿאָרשונגען פֿון מאָדערנעם העברעיִש און ייִדיש,
- לערן-טעטיקייט און שפּראַך-מעטאָדיק אין העברעיִש און ייִדיש,
- פֿאָרשונגען פֿון דער העברעיִשער און דער ייִדישער ליטעראַטורן.

די אַרבעטסשפּראַכן פֿון דער קאָנפֿערענץ זײַנען רוסיש (פֿאַר אַלע סעקציעס), העברעיִש (פֿאַר סעקציעס וועגן דער העברעיִשער שפּראַך), ייִדיש און ענגליש (פֿאַר סעקציעס וועגן דער ייִדישער שפּראַך).

מיר בעטן אײַך, אַז די אַפּליקאַציע אויף דער קאָנפֿערענץ זאָל אײַנשליסן דעם טיטל פֿון דעם רעפֿעראַט, דעם אָנטיילנעמערס פֿולן נאָמען, זײַן אַקאַדעמישע מדרגה און אַקאַדעמישן טיטל (אויב פֿאַראַן), זײַן אָרט פֿון אַרבעט אָדער לימודים, פּאָסט-אַדרעס, טעלעפֿאָן און בליצפּאָסט-אַדרעס. די מחברים, וועמענס רעפֿעראַטן וועלן אויפֿגענומען ווערן אויף דער קאָנפֿערענץ, וועלן דאַרפֿן צושיקן אַ קורצן סך-הכּל אויף ענגליש פֿון דעם רעפֿעראַט אַרום 600 ווערטער ביזן 15 יולי 2014.

פֿאַר די וואָס זײַנען אַ בעלן פֿאָרצושטעלן זייערע רעפֿעראַטן, האָבן ניט קיין מעגלעכקייט אָדער חשק צו באַזוכן פּעטערבורג אין אָקטאָבער, וועט אָרגאַניזירט ווערן אַן אינטערנעץ-פֿאַרבינדונג, אַז זיי זאָלן קענען זיך באַטייליקן אויף אַ דיסטאַנץ.

דער אָנפֿירער פֿון דער אָפּטיילונג פֿון דער ייִדישער קולטור
אין סאַנקט-פּעטערבורגער מלוכישן אוניווערסיטעט
פּראָפֿעסאָר י. ר. טאַנטלעווסקי